IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

**גרויסער רוף פֿון דער שעה • The Great Call of the Hour (Part One)**

by Hillel Zeitlin, translation by Arthur Green, Ariel Evan Mayse

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (March 2016)

For the online version of this translation:

http://ingeveb.org/texts-and-translations/the-great-call-of-the-hour-part-1

# גרויסער רוף פֿון דער שעה
# THE GREAT CALL OF THE HOUR (PART ONE)

Hillel Zeitlin
translated by Arthur Green, Ariel Evan Mayse

**Introduction:** Hillel Zeitlin (1871-1942) was the leading figure of what may be called "philosophical neo-Hasidism" among Eastern European Jews in the pre-Holocaust era. A tireless author, journalist, and polemicist, he published constantly in both the Yiddish and Hebrew presses, offering a bold new vision of contemporary spiritual life grounded in his reading of Hasidic sources. But Zeitlin sought to become an activist as well as a literary figure. He was especially concerned with the situation of the rootless Jewish youth. Throughout his career as a public figure, beginning shortly after World War I, he issued calls for a new organization of Jewish life. In a series of articles published in the 1920s, he sought to form an elite Jewish spiritual fraternity to be called *Yavneh*, which was the most fully elaborated of his attempts at intentional community.

The following essay by Zeitlin is part of his original call for the formation of an elite Jewish spiritual fraternity, published in *Der moment* in 1923.

To read more essays written by Zeitlin about *Yavneh* see: https://ingeveb.org/texts-and-translations?tag=yavneh.
For more background on Zeitlin's *Yavneh*, please read the longer scholarly introduction here: http://ingeveb.org/articles/the-great-call-of-the-hour-hillel-zeitlins-yiddish-writings-on-yavneh

# The Great Call of the Hour (Part One)

> It will be as when a reaper gathers in the standing corn, harvesting the ears in armfuls; as when one gleans the ears of corn in the Valley of Rephaim; as when one beats an olive tree and only gleanings are left in it—two or three berries at the top of a bough, four or five on the branches of the fruit tree. This is the word of Y-H-W-H, God of Israel (Isa. 17:5-6).

> And you, people of Israel, will be gathered in, one by one (Isa. 27:12).

That which I wish now to say is well known to every single Jew who has ever given serious thought to the fate of Israel; who has moreover understood the meaning of "Man does not live by bread alone" (Deut. 8:3). It is also known even to those who look only on the surface of things, who don't posses the ability, potential, or time to ponder phenomena deeply. Indeed, what I wish now to say is well known to everyone, except perhaps those with a specific interest—whether partisan or personal—to deny it.

That which I wish here to say has been said and repeated a thousand times before me. But just as R. Moses Hayyim Luzzato[1] wonderfully remarked: We forget nothing more often than that which we know and which everybody recognizes. That to which we are accustomed puts us to sleep. This is the situation that is created: our mouths and even our minds recognize one thing, and our hands do the opposite. How can one remedy this? Every so often, we must take up the drum, pound against it, and force our sleeping souls awake! Every so often, we must point out the screaming contradiction between the truth we all recognize and the way we live our everyday lives.

You, my readers, all know the fact that when Vespasian turned to R. Johanan ben Zakkai and asked, "What is your desire?" R. Johanan responded, "Nothing more than Yavneh with its sages."[2] Later sages reproached R. Johanan for not demanding more from Vespasian. Yet others responded correctly that had R. Johanan demanded more, he would never have received even this.

In any case: Yavneh and its sages were rescued. And with them, the entire house of Israel. Having lost its political power, Israel gained—through Yavneh's sages and all the generations of disciples to which these sages gave rise, down to the most recent – a tremendous spiritual power. Nor could this power be broken; not through the persecutions in the time of Hadrian; not through terrifying edicts that came later, not as a result of the crusades; nor as a result of Muslim persecutions in the time of Maimonides and others; not as a result of the expulsions and deprivation that permeated Jewish life in the Middle Ages; nor as a result of the Inquisition and its autos-da-fé; not even as a result of the last centuries with their new methods of oppressing Jews, especially of oppressing their spirit.

[1] An eighteenth-century Italian Kabbalist, poet, and philosopher.
[2] See b. Gittin 56a-b, and parallels.

We can be moved to reverence for John of Giscala and all the other heroes who fought like lions for the independence of Judaea.[3] But even if we, together with Berdyczewski and others, feel indignant over our early sages calling Judaea's freedom-fighters brigands and thugs; we must still acknowledge that, however great the heroic fires and sacrifice of these freedom-fighters, they could never have rescued tiny Judaea from the clutches of Rome in the long run. Nor could they give to Israel what the sages of Yavneh gave: an eternity, a spiritual sovereignty, which ultimately renders the swords, spears and artillery of the enemy meaningless.

Even had their battle been a success, the most the Judean freedom-fighters could have hoped to secure would have been a few extra decades of piteous and lamentable existence. Sooner or later, Rome would have eaten away at Judaea's separate but limited political existence. The sages of Yavneh, however, spiritualized Judaea, built her up with cities,[4] surrounding them with fortresses no enemy could ever hope to penetrate - until those who dwelt in those fortresses of Israel's tomes began – en masse – to run away from them.

Currently we stand in the midst of a real danger, the likes of which we have not seen in our entire history. Before our eyes there hovers the specter of national annihilation. Anti-Semitism today no longer represents an incidental phenomenon of this or that people, of this or that group. It has become a worldwide phenomenon. It no longer contents itself, as it once did, with incidental, ill-willed manifestations. It strives instead today to "destroy, kill, and annihilate all the Jews" (Esther 3:6, 13). At the same time, our internal power to resist is entirely shattered. While it is true that the external enemy could not break through those fortresses of spiritual Judah built up by the sages of Yavneh and their followers over many generations; it is also true that, if the Jewish masses have fled from these fortresses, the fortresses themselves can no longer protect them.

At present the official Orthodoxy stands, screaming: "Go back, Jews! Go back into the fortresses of Yavneh!" But how can these screams help? If the Jewish masses had felt comfortable and content in their fortresses, they never would have fled in the first place!

The fact is: they *have* fled and there must be a reason for it. Perhaps something drew them into the big, free world with frightful force; perhaps something in the ancient fortresses pushed them out; perhaps the guards and protectors of these fortresses in recent decades haven't had the spirit or capacity to hold close those who live there; perhaps the reason is comprised of all three of these possibilities. At most, official Orthodoxy can lay claim to those who continue to sit in those old fortresses of Yavneh and urge them not to flee. There is, however, great doubt about whether Orthodoxy can achieve even this. One must take into account the following:

Many of those who dwell today within these fortresses peer out through their windows, watching with great jealousy those who have left, and thinking that God only knows how bright and happy they are. Official Orthodoxy considers those still locked in

---

[3] John of Giscala (Yohanan mi-Gush Halav) was a hero and fighter in The Great Revolt against the Romans.

[4] The term used here for cities, "krakh," can also mean "volumes" or "tomes" ("kerakh"); both meanings are invoked here.

the fortresses as its militia, when in reality, come today or tomorrow, they will either be abandoning Orthodoxy completely or enduring it ambivalently and half-broken.

Even more essential than this insight: official Orthodoxy has learned from the recent era the great principle of organization. This is an important step forward to be sure. Yet it is also too little. If one wishes to resurrect the ancient Judaism, one must pour into it a new life. But what is the new life that official Orthodoxy carries into ancient Judaism? Maimonides in his time served as a new light to Judaism; the first kabbalists in their time did the same, and so did the first Hasidim. But what kind of light does today's official Orthodoxy bring?

God only knows how incredibly difficult it is for me to come against contemporary Orthodoxy with complaints. For all its backwardness, Orthodoxy represents the healthiest segment of modern Jewry. When it comes to addressing the great material and spiritual dangers that hover over the head of Israel, however, each of us must articulate everything we see and feel with clarity, authenticity, and honesty. What I indeed see and feel is that official Orthodoxy lacks that spirituality that once wrought wonders for the Jewish people. I do not mean by this to say that the other segments of the Jewish people *do* possess this spirituality. I simply mean to say that even Orthodoxy—Orthodoxy which it seems commits itself to Torah and consequently to spirituality—does not possess the same holy and creative power that once resurrected the dead in the valley of Dura during exile. It is out of touch with that "river" which flows forth from Eden to water the "garden." Indeed, the "angels" refuse entry to the "Tree of Life," and this—right now—when Israel most desperately yearns for it.

While Orthodoxy attempts to help Israel by screaming: Go back to Yavneh!—the nationalist and socialist parties attempt to help Israel by compelling it to go to battle with all those who attack it. What this means historically is: not a return to R. Yohanan ben Zakkai, but to John of Giscala. In and of itself, the longing for freedom is a great and holy thing. If Jews at one time, out of bitterness, called their freedom fighters brigands and thugs (even if these descriptions were never applied to John of Giscala himself); we, today's disciples of R. Yohanan ben Zakkai, would never cast stones at them. When we ponder the essence of the Jewish Question, however, especially when we recognize the way in which the entire present world positions itself against Jews, we must ask ourselves: Where shall we derive our powers in such a pitched battle? What will inspire us to fight? How can our weak forces possibly compete with the titanic might that stands against us? The freedom fighters of ancient Judaea had their own land, had much greater strength, only had to fight the armies of Rome, and still achieved nothing! What will we be able to accomplish with our fighting—we who have been weakened by centuries of exile; we who are exhausted, broken, at each others' throats; we who lack the fire of youth possessed by the freedom fighters of old? We are without their faith, without their iron wills, without their hope!

If we rely only on this, if we don't bring into our fight a higher, holier, eternal sense of Israel, then the battle is, for certain, already lost. Only by turning back to Yavneh can we win this battle, but a Yavneh that is broader, deeper and more vital than that which official Orthodoxy imagines. The following chapter will address this.

# גרויסער רוף פֿון דער שעה

והיה כּאסוף קציר קמה וזרעו שבלים יקצור והיה כּמלקט שבלים בעמק רפֿאים – ונשאר בו עוללות כּנוקף זית שנים שלשה גרגרים בראש אָמיר אַרבעה חמשה בסעיפֿיה פוריה נאוּם ד׳ אלהי ישׂראל (ישעיה יז, ה׳ ו׳)

ואַתּם תּלקטו לאַחד אחד בני ישׂראל (שם כז, יב)

דאָס וואָס איך וויל יעצט זאָגן, איז גוט באַקאַנט יעדן איינציקן ייִדן, וואָס האָט זיך אַ מאָל ערנסט פֿאַרטראַכט אויפֿן גורל פֿון ישׂראל און ווייסט דערצו, אַז „לא על הלחם לבֿדו יחיה האָדם“ [דבֿרים ח, ג]. דאָס איז אויך באַקאַנט אַפֿילו פֿיל פֿון די, וואָס קוקן אויפֿן שטח פֿון זאַכן און פֿאַרמאָגן נישט די פֿעיִקייט, נישט די מעגלעכקייט און נישט די צײַט אויף אַרײַנצוקוקן טיפֿער אין דערשײַנונגען. דאָס איז פֿאַקטיש אַלעמען באַקאַנט, אויסער די, וואָס האָבן אַ ספּעציעלן אינטערעס, אַ פּאַרטייִשן, צי אַ פּערזענלעכן, צו פֿאַרלייקענען עס.
דאָס, וואָס איך וויל דאָ זאָגן, איז שוין טויזנט מאָל געזאָגט און איבערגעחזרט געוואָרן, נאָר, ווי ר׳ משה־חיים לוצאַטאָ האָט אויסגעצייכנט באַמערקט, פֿאַרגעסן מענטשן קיין זאַך נישט אַזוי אָפֿט ווי גראָד דאָס, וואָס אַלע ווייסן און אַלע אָנערקענען, די געוווינהייט שלעפֿערט אײַן. עס ווערט געשאַפֿן אַזאַ לאַגע: אין מויל און אַפֿילו אין באַוווּסטזײַן ווערט אָנערקענט איינס און די הענט טוען דעם היפּוך. וואָס זשע טוט מען דערצו? מוז מען נעמען פֿון צײַט צו צײַט די פּויק אין האַנט און וועקן מיט גוואַלד די אײַנגעשלעפֿערטע געמיטער. מען דאַרף זיי פֿון צײַט צו צײַט אָנווײַזן אויף דער שרײַענדיקער סתּירה צווישן דעם אמת, וואָס זיי אַלע אָנערקענען, און זייערע טאָג־טעגלעכע מעשׂים.

איר אַלע, מײַנע לעזער, ווייסט געוויס אויסגעצייכנט דעם פֿאַקט, אַז ווען אַספּסיאַנוס האָט זיך געווענדט צו ר׳ יוחנן בן־זכּאי, ער זאָל אים זאָגן, וואָס פֿאַרלאַנגט ער פֿון אים, האָט ער, רבי יוחנן פֿון אים מער נישט פֿאַרלאַנגט, ווי יבֿנה מיט אירע חכמים. די שפּעטערע האָבן אויף אים תּרעומות געהאַט: פֿאַר וואָס האָט ער מער נישט פֿאַרלאַנגט? דערויף איז געקומען דער ריכטיקער ענטפֿער פֿון אַנדערע: ווען ער וואָלט מער פֿאַרלאַנגט, וואָלט ער דאָס אויך נישט דערגרייכט...
איך שיהיה: יבֿנה מיט אירע חכמים זענען געראַטעוועט געוואָרן און מיט זיי צוזאַמען דאָס גאַנצע בית־ישׂראל. פֿאַרלירנדיק די **פּאָליטישע** מאַכט, האָט ישׂראל – דורך די חכמי־יבֿנה און זייערע תּלמידים און תּלמידי־תּלמידים ביז די לעצטע דורות באַקומען אַ גרויסע **גײַסטיקע** מאַכט. די דאָזיקע גרויסע גײַסטיקע מאַכט איז נישט געבראָכן געוואָרן נישט דורך די ימי־השמד אין די צײַטן פֿון אַנרדיאַנוס, נישט דורך די צײַטן פֿון אַלערליי מעגלעכסטע שרעקלעכע גזירות אין די שפּעטערע צײַטן, נישט דורך די צײַטן פֿון מסעי־הצלבֿ, נישט דורך די מוסלמענישע גזירות און רדיפֿות אין די צײַטן פֿון רמב״ם און אַנדערע, נישט דורך די אַלע גירושים און עינויים פֿונעם גאַנצן מיטל־עלטער, נישט דורך די אינקוויזיציעס און שײַטער־הויפֿנס, נישט דורך די לעצטע הונדערטער יאָרן מיט זייערע באַזונדערע מעטאָדן צו פֿאַרפֿאָלגן ייִדן, באַזונדערס דעם גײַסט פֿון ייִדן.

מיר קאָנען דורכגעדרונגען זײַן מיט דער גרעסטער ערפֿאָרכט פֿאַר יוחנן מגוש־חלבֿ און אַלע אַנדערע גיבורים, וואָס האָבן געקעמפֿט ווי לייבן פֿאַר דער זעלבשטענדיקייט פֿון יהודה. מען מוז דאָך אָבער פֿאָרט אָנערקענען אַפֿילו ווען מען זאָל צוזאַמען מיט בערדיטשעווסקין און אַנדערע, אַרײַנפֿאַלן אין אַ שטאַרקן גרימצאָרן אויף אונדזערע קדמונים פֿאַר וואָס זיי האָבן אָנגערופֿן יהודהס פֿרײַהייטס־קעמפֿער מיט די נעמען „פּריצים“ און „בריוני“, אַז ווי גרויס עס איז נישט געווען דאָס העלדישקייט־פֿײַער און דאָס מסירות־נפֿש פֿון אָט די פֿרײַהייטס־קעמפֿער, וואָלטן זיי דאָך נישט אָפּגעראַטעוועט די קליינע יהודה פֿון די רוימישע לאַפּעס, און אַפּשיטא שוין, אַז זיי וואָלטן נישט געקאָנט געבן ישׂראל ווי עס האָבן געגעבן די חכמי־יבֿנה – אַן אייביקייט און אַ גײַסטיקע אייבערהערשאַפֿט, וואָס מאַכט צו נישט אַלע שווערדן, שפּיזן און האַרמאַטן פֿון שׂונא.

דאָס העכסטע, וואָס די פֿרײַהייטס־קעמפֿער פֿון יהודה וואָלטן געקאָנט דערגרייכן ווען דער קאַמף וואָלט זיי אַפֿילו געלונגען, איז – אַז יהודה וואָלט געצויגן נאָך עטלעכע צענדליק יאָר אַ נעבעכדיקע און קלאָגעדיקע עקזיסטענץ. רוים וואָלט סײַ ווי אויפֿגעפֿרעסן פֿריִער אָדער שפּעטער דאָס אויסערלעכע, פּאָליטישע, אין רוים באַגרענעצטע יהודה. די חכמי־יבֿנה האָבן אָבער געשאַפֿן אַ גײַסטיקע יהודה, האָבן אין איר געבויט כּרכים און זיי אַרומגערינגלט מיט פֿעסטונגען, צו וועלכע קיין שׂונא האָט נישט געקאָנט צוקומען ביז די, וואָס זיצן אין די פֿעסטונגען און אין די כּרכים, האָבן אָנגעהויבן מאַסנווײַז אַרויסלויפֿן פֿון דאָרט...

יעצט שטייען מיר ווירקלעך פֿאַר אַ גרויסער סכּנה, אַ סכּנה, צו וועלכער עס איז קיין גלײַכן נישטאָ אין דער גאַנצער געשיכטע אונדזערער. עס שוועבט פֿאַר אונדזערע אויגן די סכּנה פֿון חורבן־האומה. דער אַנטיסעמיטיזם איז הײַנט געוואָרן נישט אַ צופֿעליקע דערשײַנונג פֿון דעם אָדער יענעם פֿאָלק, דער אָדער יענער גרופּע, נאָר אַ **וועלט**־דערשײַנונג און ער באַגנוגנט זיך שוין הײַנט נישט, ווי אַ מאָל, מיט צופֿעליקע בייזוויליקע אַרויסטרעטונגען, נאָר ער שטרעבט אײנפֿאַך „להשמיד, להרוג ולאַבד את כּל היהודים“ [אסתּר ג, יג]. אין דער זעלבער צײַט איז אונדזער אינערלעכע ווידערשטאַנדס־קראַפֿט געוואַלטיק געבראָכן. דער פֿײַנד פֿון דרויסן האָט נישט געקאָנט ברעכן די פֿעסטונגען פֿונעם גײַסטיקן יהודה, וועלכן עס האָבן אויפֿגעבויט די חכמי־יבֿנה און זייערע נאָכפֿאָלגער אין אַ משך פֿון פֿיל דורות. ווען גרויסע ייִדישע מאַסן זענען אָבער פֿון יענע פֿעסטונגען אַרויסגעלאָפֿן – וואָס קאָנען זיי יעצט יענע פֿעסטונגען העלפֿן?

שטייט יעצט די אָפֿיציעלע אָרטאָדאָקסיע און שרײַט: צוריק! צוריק! אין יבֿנהס פֿעסטונגען! וואָס וועלן אָבער דאָ די געשרייען העלפֿן? ווען אָט די מאַסן וואָלטן זיך געפֿילט גוט און באַקוועם אין יענע פֿעסטונגען, וואָלטן זיי דאָך מתּחילה פֿון דאָרט נישט געלאָפֿן. זענען זיי אָבער פֿון דאָרט יאָ געלאָפֿן, מסתּמא איז דאָך דאָ אַן עטוואָס, וואָס האָט זיי געצויגן אין דער גרויסער, פֿרײַער וועלט אַרײַן מיט אַ מוראדיקן גוואַלד, אָדער אַז עס איז דאָ פֿאַר זיי אין די אַלטע שטאַרקע פֿעסטונגען אַן עטוואָס, וואָס שטויסט זיי אַרויס פֿון דאָרט, אָדער, אַז די היטער און באַשיצער פֿון די פֿעסטונגען אין די לעצטע צענדליקער יאָרן האָבן נישט געהאַט גענוג קראַפֿט און גײַסט אויף אײַנצוהאַלטן די, וואָס ווינען דאָרט, אָדער – אַלע זאַכן צוזאַמען. די אָפֿיציעלע אָרטאָדאָקסיע קאָן העכסטנס פּרעטענדירן אויף די, וואָס זיצן נאָך יעצט אויך אין יבֿנהס פֿעסטונגען, אַז זיי זאָלן פֿון דאָרט נישט אַרויסלויפֿן. עס איז אָבער אַ גרויסער ספֿק, צי וועט זי אויך דאָס דערגרייכן. מען מוז נעמען אין אַכט פֿאָלגנדעס:

פֿיל פֿון די, וואָס זיצן נאָך יעצט אויך אין די פֿעסטונגען, קוקן אַרויס פֿון די פֿעסטונגס־פֿענצטער מיט גרויס קינאה אויף די, וואָס זענען דרויסן מיינענדיק, אַז יענע זענען גאָט ווייסט ווי ליכטיק און גליקלעך. די אָפֿיציעלע אָרטאָדאָקסיע באַטראַכט אָט די אין די פֿעסטונגען אײַנגעשלאָסענע אַלס זייער גוואַרדיע און באמת וועלן זיי אָבער הײַנט־מאָרגן פֿאַרלאָזן די אָרטאָדאָקסיע, אָדער זיי וועלן בלײַבן אין דער אָרטאָדאָקסיע האַלבע צעבראָכענע, צוויי־פּנימדיקע.

נאָך עטוואָס, און דאָס איז דער עיקר: די יעצטיקע אָפּיציעלע אָרטאָדאָקסיע האָט געלערנט פֿון דער לעצטער צײַט דעם גרויסן פּרינציפּ פֿון **אָרגאַניזאַציע**. דאָס איז געוויס זייער אַ גרויסער שריט פֿאָרויס, דאָס איז אָבער נאָך ווייניק. ווען מען וויל דאָס אַלטע ייִדנטום אויפֿלעבן, מוז מען אין אים אַרײַנגעבן אַ נײַ **לעבן**. ווּ איז אָבער דאָס נײַע לעבן, וואָס די יעצטיקע אָפּיציעלע אָרטאָדאָקסיע טראָגט אַרײַן אינעם אַלטן ייִדנטום? דער רמב״ם אין זײַן צײַט איז געווען אַ נײַער אור אינעם ייִדנטום; די ערשטע מקובלים זענען געווען אַ נײַער אור אינעם ייִדנטום; די ערשטע חסידים זענען געווען אַ נײַער אור אינעם ייִדנטום. וואָס פֿאַר אַ נײַעם אור טראָגט אָבער די יעצטיקע אָפּיציעלע אָרטאָדאָקסיע אַרײַן אינעם ייִדנטום?

נאמן עלי הדיין ווי שווער עס איז מיר צו קומען מיט טענות צו דער אָרטאָדאָקסיע, וועלכע איז דאָך, בײַ איר גאַנצער יעצטיקער אָפּגעשטאַנענקייט, דער געזינטסטער טייל פֿונעם ייִדישן פֿאָלק. ווען עס האַנדלט זיך אָבער וועגן דער גרויסער מאַטעריעלער און גײַסטיקער סכּנה, וואָס שוועבט איבערן קאָפּ פֿון ישׂראל, מוז יעדער אַרויסזאָגן אָפֿן און קלאָר, ריכטיק און ערלעך אַלץ וואָס ער זעט און פֿילט. און זען זע איך און פֿילן פֿיל איך, אַז דער יעצטיקער אָפּיציעלער אָרטאָדאָקסיע פֿעלט יענע גײַסטיקייט, וואָס נאָר זי אַליין האָט געשאַפֿן ווונדער אין דעם ייִדישן פֿאָלק. איך מיין דערמיט נישט צו זאָגן, אַז אַלע אַנדערע טיילן פֿונעם ייִדישן פֿאָלק באַזיצן הײַנט יאָ יענע גײַסטיקייט. איך מיין דערמיט נאָר צו זאָגן, אַז **אַפֿילו** די אָרטאָדאָקסיע, די, וואָס האָט צו טאָן, דוכט זיך, מיט תּורה און ממילא מיט גײַסטיקייט, באַזיצט דאָך יעצט אויך נישט יענע הייליקע שאַפֿונגס־קראַפֿט, וואָס האָט באַדאַרפֿט אויפֿלעבן די מתים אין דער בקעת־דורא פֿון גלות, יענער „נהר“, וואָס גייט אַרויס פֿון „עדן“ און דאַרף אָנטרינקען דעם „גן“, די „כּרובֿים“ דערלאָזן נישט צום „עץ־החיים“ און ישׂראל רײַסט זיך יעצט אַזוי שטאַרק צו אים...

בעת די אָרטאָדאָקסיע מיינט צו העלפֿן ישׂראל מיט איר שרײַען: „צוריק צו יבֿנה!“ – מיינען די נאַציאָנאַליסטישע און סאָציאַליסטישע פּאַרטייען צו העלפֿן ישׂראל דורכן אַוועקשטעלן אים אין אָפֿענעם און אַנטשיידענעם קאַמף קעגן אַלע, וואָס באַפֿאַלן אים. היסטאָריש הייסט עס: אומקערן זיך נישט צו ר׳ יוחנן בן־זכּאַי, נאָר צו יוחנן מגוש־חלבֿ. אַן און פֿאַר זיך איז די שטרעבונג צו פֿרײַהייט און דער קאַמף פֿאַר דער פֿרײַהייט אַ גרויסע, הייליקע זאַך. אויב אַ מאָל האָט דאָס פֿאָלק אויס פֿאַרביטערונג אָנגערופֿן אָט די קעמפֿער „פּריצים“ און „בריונים“ (כאָטש אויך, דאַן האָט מען פֿאַקטיש דערמיט נישט געמיינט אַזעלכע ווי יוחנן מגוש־חלבֿ), וועלן מיר, די הײַנטיקע נאָכפֿאָלגער פֿון ר׳ יוחנן בן־זכּאַי, אין זיי קיין שטיין בשום־אופֿן נישט וואַרפֿן. ווען מיר טראַכטן זיך אָבער גוט אַרײַן אין דעם מהות פֿון דער ייִדן־פֿראַגע, באַזונדערס ווען מיר זעען, ווי די גאַנצע וועלט שטעלט זיך יעצט אויף קעגן ייִדן, מוזן מיר, דאָך פֿרעגן: ווּ וועלן מיר פֿאָרט שעפּן כּוחות אין אַזאַ אומגעהײַערן קאַמף? וואָס וועט אונדז פֿאָרט אינעם קאַמף **באַגײַסטערן**? און ווי קאָנען מיר זיך מיט אונדזערע שוואַכע כּוחות פֿאַרמעסטן אין אַ קאַמף קעגן די טיטאַנישע כּוחות, וואָס זענען קעגן אונדז? אונדזערע פֿרײַהייטס־קעמפֿער אינעם אַמאָליקן יהודה זענען דאָך געזעסן אין זייער לאַנד און גבֿורה האָבן זיי געהאַט גרויסע און געקעמפֿט האָבן זיי נאָר קעגן די חיילות פֿון רומי און דאָך האָבן זיי גאָרנישט געמאַכט. וואָס זשע וועלן מיר מיט אונדזער קאַמף מאַכן, מיר די אין לאַנגן גלות אָפּגעשוואַכטע, די מידע, די צעבראָכענע, די צווישן זיך צעקריגטע און צעריסענע, אָן יענעם יוגנט־פֿײַער פֿון אַמאָליקע פֿרײַהייטס־קעמפֿער, אָן יענעם גלויבן, אָן יענעם אײַזערנעם ווילן, אָן יענער גרויסער האָפֿענונג?

אויב נאָר אויף **דעם** וועלן מיר זיך פֿאַרלאָזן, אויב מיר וועלן נישט אַרײַנפֿירן קיין העכערן, הייליקן, אייביק־ישׂראלדיקן מאָמענט אינעם קאַמף – איז ער, דער קאַמף אונדזערער, זיכער פֿאַרשפּילט. געווינען קאָנען מיר דעם קאַמף נאָר ווען מיר קערן זיך דערבײַ אויך צוריק צו יבֿנה, אָבער פֿיל ברייטער, גרינטלעכער און לעבעדיקער ווי די אָפּיציעלע אָרטאָדאָקסיע שטעלט זיך עס פֿאָר. וועגן דעם – אין קומענדיקן פּרק.